ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חיזוק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִיש

## פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה

תשפ"ד

336

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי וַוייט דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין אוֹיף מִקְוֶה?......................................א
פַּארְוָואס טוּט מַיין וַוייבּ גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים?......................................ג
מֶעג אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאן צוּ פָארְן שְׁטַייטֶער?......................................ה
אוֹיף וֶועלְכֶע סֵדֶר דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?......................................ו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


שִׁידוּכִים אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ......................................א
אַ חַבוּרָה פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה......................................ב
וֵויינְט נִישְׁט וֶוען עֶר זֶעט, נָאר שְׁמֵייכְלְט......................................ב
אַרְבֶּעט מִיט גֶעטְרֵייעֶ בָּחוּרִים אַז דִי בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה זָאל זַיין מְסוּדָר......................................ג
אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה אַרוֹיסְצוּזֵיין פוּן חוֹבוֹת......................................ג
הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר דִי וַוייבּ......................................ה
פָאר קַיין יַבְנְאֵל מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָ"אש......................................ה
זַיי שְׁטוּם אוּן טוֹיבּ בַּיים דַאוְונֶען......................................ו
דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים אִיז וִויכְטִיגֶער וִוי שְׁרַייבְּן יֶעצְט אַ סֵפֶר תּוֹרָה......................................ז
שְׁנַייד נִישְׁט פוּן דִי מַעֲשֵׂר גֶעלְט......................................ח
וָואלְטְן זַיי גֶעגַאנְגֶען הֲפָצָה וָואלְטְן זַיי גֶעמַאכְט גָאלְד......................................ט

קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵויטְן ........................ ט

הַאלְטְן רֵיין דִי קַאר ........................ י

מֶען מוּז עֶנְדִיגְן מַגִּיהַ זַיין אוּן דְרוּקְן אֲשֶׁר כַּנַּחַל אִידִישׁ ........................ יא

עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בֶּעסֶער ........................ יא

אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג ........................ יב

דַיין תִּיקוּן אִיז צוּ דְרוּקְן אוּן פַאְרשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ........................ יג

מִיט אַ שְׁמֵייכְל קֶען מֶען מְחַיֶה מֵתִים זַיין ........................ יד

זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן צוּ גֵיין צוּם אֲסִיפַת הוֹרִים ........................ טו

אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף קֵיינֶעם ........................ טז

נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶערְ'ס צֵיין פַארְנַאכְלֶעסִיגְט אוּן פַארְדֵרייט ........................ יז

אִיךְ בֶּעט דִיר, עֶנְטְפֶער נִישְׁט אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, בְּלַייבּ שְׁטִיל ........................ יח

קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטוֹיסְן וֶוערְן ........................ יט

זֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען ........................ כא

גֶעבְּן דִי הַרְגָּשָׁה פַאר דִי מְלַמְּדִים אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט זֵיי ........................ כב

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע אִיז צוּ רֶעדְן מִיטְן שׁוּתָּף אָפֶענֶע דִיבּוּרִים ........................ כג

אַ גַבְּאַי דַארְף שְׁמֵייכְלֶען אוּן אַרֵיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת ........................ כד

אֲפִילוּ מֶען אִיז וַוייט פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, פוּן קְדוּשָּׁה,
זָאל מֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן ........................ כה

נִישְׁט הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט פָּאלִיטִיק, מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן ........................ כז

עֶס זָאל דִיךְ נָאר אִינְטֶערֶסִירְן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייט קוּנְטְרֵסִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווי ווייט דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין אוֹיף מִקְוֶה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר׳ן פְרֶעגְן פָּשׁוּטְ׳עֶ שְׁאֵלוֹת, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, דֶערִיבֶּער פְרֶעג אִיךְ סַיי ווִי, און אִיךְ בֶּעט אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר ווַייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

וָואס טוּט מֶען וֶועגְן טְבִילַת עֶזְרָא; אִיז דָאס אַן הֲלָכָה? און וָואס טוּט מֶען אוֹיב מֶען קֶען נִישְׁט? צוּם בֵּיישְׁפִּיל, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי וויל אִיךְ לֶערְנֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער און אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן הוֹיז אַזוֹי פְרִי, און אַ שׁוֹיעֶר קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט נֶעמֶען שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען?

פַאר דִי חֲתוּנָה הָאט מֶען מִיר גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ג׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואלְסְטוּ גֶעווּיסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה און פוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא - וָואלְסְטוּ גֶעטוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.**

אֲפִילוּ עַל פִּי הֲלָכָה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן טְבִילַת עֶזְרָא, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים - הָאבְּן דָאס צוּרִיק מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן בַּאפֶּעסְטִיגְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ בְּרֶענְגְט (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְנִרְאֶה) וְזֶה לְשׁוֹנוֹ: "וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם", דִי וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען וִויסְט, "עַד שֶׁבָּאוּ שְׁנֵי הַמְּאוֹרוֹת הַגְּדוֹלִים לְעוֹלָם", בִּיז דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, "הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ [זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ], וְאַדְמוֹ"ר הָרַב רַבֵּינוּ אֱלִימֶלֶךְ נִשְׁמָתוֹ בְּגִנְזֵי מְרוֹמִים, וְהֵם פִּתְחוּ שַׁעַר לַשֵּׁם, צַדִיקִים יָבוֹאוּ בוֹ", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי טִירְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁלֹּא יְהַרְהֵר אָדָם שׁוּם הִרְהוּר תּוֹרָה", אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, "עַד שֶׁיִּטְבֹּל עַצְמוֹ לְקִרְיוֹ", נָאר נָאכְן גֵיין אִין מִקְוֶה, "שֶׁחַכְמֵי הַגְּמָרָא לֹא בִּטְלוּהוּ אֶלָּא מִפְּנֵי שֶׁאֵין רוֹב הַצִּבּוּר יְכוֹלִין לַעֲמוֹד בָּהּ", דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי זַאךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן, "אֲבָל אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרוֹצִים לְהַשִּׂיג גּוּפֵי הַתּוֹרָה וּמִצְוֹת, צְרִיכִין לִהְיוֹת נִזְהָר מְאֹד בִּטְבִילָה זוּ" וְכוּ', אָבֶּער וֶוער עֶס וִויל זוּכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק - זָאל זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

עֶר זָאגְט וַוייטֶער: "הַכְּלָל הָעוֹלֶה מִזֶּה, מִי שֶׁהוּא לוֹמֵד פְּשָׁטוּת הַתּוֹרָה בִּלְתִּי טָהוֹר, אֲזַי אֵינוֹ יָכוֹל לְהַשִּׂיג בְּשׁוּם אוֹפֶן מַה הִיא יִרְאָה", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אָן מִקְוֶה - קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמִי שֶׁהוּא לוֹמֵד סִפְרֵי קַבָּלָה וְאֵינוֹ זָהִיר בִּטְבִילָה זוּ", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט קַבָּלָה אָן גֵיין אִין מִקְוֶה - "יוּכַל לָבוֹא חָלִילָה לִידֵי אַפִּיקוֹרְסוּת וְהוּא מְטַמֵּא נְפָשׁוֹת יִשְׂרָאֵל הַנִּגְרָרִים אַחֲרֵיהֶם", קֶען מֶען חַס וְחָלִילָה וֶוערְן אַן אַפִּיקוֹרֶס, עַיֵּין שָׁם.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ אָן אַ מִקְוֶה - דַארְף מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט מְבַטֵל זַיין קְרִיאַת שְׁמַע בִּזְמַנּוֹ וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ מִקְוֶה, נָאר מֶען וִויל הֶעלְפְן דִי וַוייבּ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער - דַארְף מֶען יָא גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנֶען. דָאס בֶּעסְטֶע אִיז, שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי אוּן גֵיי בִּזְרִיזוּת אִין מִקְוֶה, אוּן גֵיי

אַהֵיים אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן בֵּיידֶע; סַיי הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אוּן סַיי לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע - בְּטָהֳרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַּארְוָואס טוּט מַיין וַוייבּ גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין אַזוֹי. מַיין וַוייבּ טוּט גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, זִי לִיגְט נָאר אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֶּעט אוּן שְׁלָאפְט. אִיךְ גֵיי צוּ דִי אַרְבֶּעט, אוּן וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אָפְּרוּעֶן, אִיךְ דַארְף אוֹיפְרוֹימֶען דִי הוֹיז, וַואשְׁן דִי גֶעשִׁיר, וַואשְׁן דִי וֶועשׁ, צוּזַאמְלֵייגְן דִי וֶועשׁ, אַלֶעס מְסַדֵר זַיין, וַוייל מַיין וַוייבּ וִויל גָארְנִישְׁט טוּן; דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס אִיז וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ נָאךְ דִי וֵוייניגְסְטֶע.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל אַ וַוייבּ, קוֹים קוֹים וָואס זִי רֶעדְט צוּ מִיר אַפָּאר וֶוערְטֶער, זִי וִויל בִּכְלַל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מִיר, זִי ווִילְן נָאר שְׁלָאפְן טָאג אוּן נַאכְט. אִיךְ וִויל אַרוֹיסְגֵיין מִיט אִיר עֶסְן אִין אַ רֶעסְטוֹרַאנְט, אִין זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיים אַרוֹיסְגֵיין, שׁוֹין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים וָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען עֶסְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז וַוייל מִיר וַוארְטְן אַ שִׂמְחָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, טֵייל זָאגְן אַז דָאס מַאכְט אִיר אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אָבֶּער אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז עֶס דַארְף נִישְׁט גֵיין אַזוֹי וַוייט אַז זִי זָאל מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט טוּן; נָאר שְׁלָאפְן טָאג אוּן נַאכְט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין וַוייבּ. שַׁבָּת וֶוען מִיר גֵייעֶן עֶסְן צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְט זִי מִיר שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אַז זִי וִויל שׁוֹין יֶעצְט אַהֵיימְגֵיין, זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער, אוּן אוֹיבּ בֶּעט אִיךְ אִיר צוּ וַוארְטְן

בִּיז סוֹף סְעוּדָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה - וֶוערְט זִי שׁוֹין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר.

אוֹיסֶער דֶעם שְׁפִּיר אִיךְ אַז זִי שֶׁעצְט בִּכְלַל נִישְׁט מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ טוּ אַלֶעס אַלֶעס אִינְדֶערְהֵיים, נָאכְן אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן קוֹים קוֹים וָואס אִיךְ בַּאקוּם עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקֶל שְׁוַואכֶע שְׁכֹּחַ פוּן אִיר.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ג׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז דִי צַייט וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ׳ - אִיז אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מוּט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, מֶען אִיז נִישְׁט זִיךְ. עֶס אִיז דָא בַּיי פְרוֹיעֶן דִי זַאךְ אַז מֶען לָאזְט זִיךְ נָאךְ, מֶען טוּט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט פוּן שְׁטוּב; דַארְפְסְט אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי חֳדָשִׁים אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אַ מַזָל טוֹב אוּן אוֹיפְלֶעבְּן דִי שְׁטוּב.

קוּק אוֹיף דִי טוֹבָה, קוּק אוֹיף דָאס גוּטְס; טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ קִינְד. אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט לוֹינְט זִיךְ צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ קִינְד; זָאל דִי שְׁטוּב פְלִיעֶן, זָאל אַלֶעס זַיין אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֶסְן - אַבִּי בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער; וָואס הָאט מֶען פוּן אַ שֵׁיינֶע גְלַאנְצִיגֶע שְׁטוּב וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין דוֹרוֹת... בְּקִיצוּר, אַלֶעס וָואס דוּ רֶעכְנְסְט אוֹיס - לוֹינְט נָאכְגַלְץ צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר אוּן פַאר דִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת, עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאן צוּ פָארְן שְׁטַייטֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

מֶעג אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאן עֶר זָאל פָארְן שְׁטַייטֶער, וֶוען עֶר פָארְט צוּ שְׁנֶעל מִיט דִי קַאר? אִיךְ הָאב אַסַאךְ מָאל פָּשׁוּט מוֹרָא; אוֹיסֶער דֶעם וָואס אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶר זָאל כַאפְּן אַ טִיקֶעט, אִין דִי צַייט וָואס עֶר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן חוֹבוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת ה׳תשפ"ד

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זַיין אָפְּן מִיטְן מַאן, אוּן אַז דֶער מַאן פָארְט שְׁנֶעל, שְׁנֶעלֶער וִוי מֶען מֶעג פָארְן, אוּן מֶען הָאט אַ פַּחַד - דַארְף מֶען אִים זָאגְן; מֶען דַארְף זַיין אָפְּן מִיט אִים.

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ׳הָאבְּן אַ פַּחַד פוּנֶעם מַאן׳, אַ פַּחַד דַארְף מֶען הָאבְּן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר אַלֶע דַארְפְן צִיטֶערְן אוּן מוֹרָא הָאבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מִיר דַארְפְן זִיךְ מְכַבֵּד זַיין; דֶער מַאן אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ אִיז מְכַבֵּד דֶעם מַאן, אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן מוֹרָא נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט׳, הֲלָכָה ח): "אִי אֶפְשָׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה", אַ מַאן קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ וַוייבּ, "וְאִי אֶפְשָׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ", אוּן אַ פְרוֹי קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ מַאן, "וְאִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה", אוּן בֵּיידֶע דַארְפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיף וֶועלְכֶע סֵדֶר דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל אַזוֹי סַאךְ שְׁרַייבְּן, און אִיךְ מֵיין אַז טַאקֶע צוּלִיבּ דֶעם שְׁרַייבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט, ווייל אִיךְ וִויל שְׁרַייבְּן לַאנְגֶע בְּרִיוְון און אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן, ווֶעל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שְׁרַייבְּן קוּרְץ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר גֶעבְּן דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ צֶען זַאכְן פוּן דַאנְקֶען, צֶען זַאכְן תְּשׁוּבָה, און צֶען זַאכְן בַּקָּשָׁה. אִיךְ בִּין מְסוּפָּק צִי אִיךְ טוּ גוּט, ווייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט זֵייעֶר קְלָאר אַז מֶען זָאל עֶס אַיינְטֵיילְן לוֹיט דְרֵיי מִינוּט, און אִיךְ טֵייל עֶס אֵיין לוֹיט צֶען זַאכְן, אִיךְ רֶעכְן נִישְׁט דִי מִינוּט.

אִיךְ ווָאלְט זִיךְ גֶעפְרֵייט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן צִי דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, אָדֶער זָאל אִיךְ מַאכְן אַנְדֶערְשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אִיז גָאר גְרוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ און עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ,

אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן - דַאן אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אִין אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס, אָבֶּער אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן עֶס וֶוערְט גְרִינְגֶער אוּן גְרִינְגֶער.

דוּ רֶעד וַוייטֶער אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִיר זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְצִיעֶן דָאס רֶעדְן אוֹיף לֶענְגֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן רֶעדְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי, פוּן וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי אוֹיגְן, בִּיז בַּיינַאכְט וֶוען מֶען פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן, מֶען גֵייט שְׁלָאפְן - זָאלְן מִיר נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת (שָׁם, סִימָן צו), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט כָאטְשִׁיג זָאל מֶען זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ צַדִּיק; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שִׁידוּכִים אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל מֶער נִישְׁט שְׁטוּפְּן דִי שִׁידוּךְ פוּן ...; מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ מֵיידְל, דֶער בָּחוּר קוּקְט שְׁלֶעכְט אוֹיף דִי שִׁידוּךְ, אִיז עֶנְדֶערְשׁ נֶעמֶען אַ בָּחוּר וָואס וֶועט אַפְּרִישִׁיעֶטְן דִי מֵיידְל. לְדַעְתִּי זָאל זִי רֶעדְן צוּ מִשְׁפַּחַת ..., עֶר אִיז אַ גָאר חָשׁוּבְ׳עֶר בָּחוּר אוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל אוּן פָּשׁוּט, זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן.

שִׁידוּכִים אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, מֶען דַארְף אַסַאךְ מָאל אַוֶועקְגֶעבְּן שְׁטִיקֶער פוּנֶעם לֶעבְּן, צַייט פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, כֹּחַ אוּן גֶעזוּנְט, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ, עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע מִצְוָה, אַ חָשׁוּבְ׳עֶ מִצְוָה; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין שִׁידוּכִים פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, וֶועט עֶר זֶען נַחַת בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן שִׁידוּכִים, זָאג אִיר, אַז מֶען בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט מֶען כֹּחַ, הַצְלָחָה וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא; וִוי אַזוֹי בִּינְדְט מֶען זִיךְ צוּ? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טְרַאכְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען הָאט נָאר אִינְזִין בִּלְתִּי לַשֵּׁם לְבַדּוֹ.

...

### אַ חַבּוּרָה פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת ה׳תשפ״ד

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיב דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן אִין דִי יְשִׁיבָה, זִיךְ אוּמְקוּקְן אוּן מְסַדֵּר זַיין אַלֶעס זָאל זַיין מְסוּדָר, רֵיין, אוּן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן - צוּ פַארְרֶעכְטְן. הַיינְט זֶענֶען דָא גֶעוֶוען אִינְסְפֶּעקְטָארְס, זֵיי הָאבְן פַארְמַאכְט אוּנְזֶער קָאךְ צוּלִיב זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, אוּן צוּלִיב מַייז.

נֶעם אַפָּאר גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, מַאךְ אַ חַבּוּרָה פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן הֶעלְפְן, פַארְרֶעכְטְן, שֶׁענֶער מַאכְן, אוּן בְּעִיקָר רֵיינִיגְן דִי יְשִׁיבָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַבִּיסְל פָּארְאוֹיס רוּקְן מִיטְן פָּארְלֶערְנֶען פַאר דִי בָּחוּרִים, דִי ווִינְטֶער זְמַן אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, שׁוֹין צַייט צוּ עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא אוּן גֵיין צוּ נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, לָאז נִישְׁט אוֹיס קַיין אֵיין טָאג פוּן פָּארְלֶערְנֶען פַאר דִי בָּחוּרִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר מוֹדִיעַ זַיין יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן קוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר זוּנְטָאג, עֶס אִיז מִיר גְרִינְגֶער וֶוען אִיךְ וֵוייס אַ טָאג פָּארְאוֹיס אַלֶע וָואס קוּמֶען רֶעדְן.

...

### ווַיינְט נִישְׁט וֶוען עֶר זֶעט, נָאר שְׁמֵייכְלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְּרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר שְׁפִּירְט ווִי אִיר ווִילְט קַייכְן (ווֵיינֶען שְׁטַארְק) - זָאלְט אִיר דָאס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן וֶוען אַייעֶר מַאן זֶעט, עֶר קֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרֶעקְן, עֶר אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַייךְ זֶען קַייכְן.

אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶע וואוּלֶע עֶרְלִיכֶע מַאן, וֵויינְט נִישְׁט וֶוען עֶר זֶעט, נָאר שְׁמֵייכְלְט אוּן שְׁמֵייכְלְט.

שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו.

...

## אַרְבֶּעט מִיט גֶעטְרֵייעֶ בָּחוּרִים אַז דִי בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה זָאל זַיין מְסוּדָר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת ה׳תשפ״ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אַפָּאר גֶעטְרֵייעֶ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִי יְשִׁיבָה, אוּן אַרְבֶּעט מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם אַז דִי בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה זָאל נִישְׁט זַיין נָאכְגֶעלָאזְט אוּן נִישְׁט מְסוּדָר.

הַיינְט זֶענֶען דָא גֶעוֶוען אִינְסְפֶּעקְטָארְס, זֵיי הָאבְּן אוּנְז פַארְמַאכְט דִי קָאךְ צוּלִיב נִישְׁט מְסוּדָר אוּן נִישְׁט רֵיין.

בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן; מַאךְ אַ חַבוּרָה בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען וַוארֶעם צוּם רֶבִּי׳ן, עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּם רֶבִּי׳ן, זֵיי זֶענֶען גְרֵייט פַאר אַלֶעס, זֵיי וֶועלְן גֵיין אִין פֵייעֶר אוּן וַואסֶער צוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

בִּיטֶע הֶעלְף מִיר.

אוֹיךְ אִין חֶדֶר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיּוּת; זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט זֵיי נִגּוּנֵי אֱמוּנָה אוּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר נִיגוּנִים.

...

## אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ב׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת ה׳תשפ״ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ׳; עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן דִי אַלֶע פְּלֶענֶער,

אֵיין פְּלַאן אִיז דָא פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי חוֹבוֹת; תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "יֵשׁ עֲבֵירָה שֶׁעֲנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵירָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא עֲבֵירוֹת וָואס דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ בַּעַל חוֹב; דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פַארְשְׁטָאפְּט דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס וַוארְפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ קַטְנוּת הַמֹּחַ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז עֶר מוּז בָּארְגְן גֶעלְט, אוּן צוּם סוֹף בְּלַייבְּט עֶר נֶעבֶּעךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב.

גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף אַ נֵס, אִיךְ זִינְק אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע פוּן חוֹבוֹת, אוּן וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרוֹיסְצוּגֵיין - פַאל אִיךְ צוּרִיק, אִיךְ דְרֵיי מִיט חוֹבוֹת, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אַזוֹיפִיל חוֹבוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאצָאלְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵייס זֵייעֶר גוּט אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אִין דִי חוֹבוֹת, דוּ הָאסְט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן וָואס חוֹבוֹת קוּמְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז חוֹבוֹת קוּמְט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאג צוּ אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן מַאךְ מִיר אַ נֵס אִיךְ זָאל יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאצָאלְן אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע צוּ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין מִשְׁפָּחָה".

זָאג דִי תְּפִלָּה, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זָאגְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער; אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן טַייעֶר דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ג׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, טוּט אַלֶעס אוּן אִיז אַלֶעס, עֶס אִיז נִישְׁט דוּ אוּן נִישְׁט יֶענֶער, עֶס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס, קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט, קֵיינֶער טוּט נִישְׁט, אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אַז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן טַייעֶר דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, דַיין וַוייבּ; זִי וֶועט זַיין דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ בַּיי דִיר, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, דוּ וֶועסְט זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי אִיר - וֶועט דַיין שְׁטוּבּ זַיין אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וֶועט זַיין אִין שְׁטוּבּ.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אֲפִילוּ בְּגִירְסָא, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פָּאר קֵיין יַבְנְאֵל מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ג׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פְרֶעג דֶעם דָאקְטֶער וָואס עֶר אִיז מַצִּיעַ, וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג פוּן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין, אוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער לֵייגְט פָאר - זָאלְן עֶנְק טוּן, אוּן זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ זִי זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אַז עֶס וֶועט זַיין גָאר שְׁנֶעל דִי יְשׁוּעָה.

ווען מען בעט דעם אייבערשטן איז וויכטיג אויך צו דאנקען, מען מוז אנכאפן די שווערד פון תפלה צום פינטל, נישט בייגן - נישט רעכטס און נישט לינקס. אזוי ווי דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ב) אז מען מוז סיי דאנקען און סיי בעטן.

עס איז כדאי זאלסט פארן קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו און דארט מתפלל זיין, מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין צוואה (צוואת מוהרא"ש, אות ה) אז מען וועט קענען פועל'ן אלע סארט ישועות ביי זיין ציון.

שטארק זיך און שטארק דיין ווייב.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## זיי שטום און טויב ביים דאווענען

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, שובבי"ם, ד' אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ביצה לב:): "המצפה על שלחן אחרים", ווער עס ווארט אויף א צווייטנ'ס טובות, "עולם חשך בעדו" - דער לעבט אין טונקלקייט; אז מען ווארט אויף מענטשליכע טובות איז זייער ביטער, א מענטש דארף קוקן צום אייבערשטן און נאר צו אים האפן און נאר צו אים גיין.

לאז זיך אפ פון דעם און יענעם, הער אויף נאכלויפן מענטשן; וואס קענען מענטשן העלפן? לויף צום אייבערשטן, גיי נאר צו אים, עפן דיין מויל און זאג: "טאטע העלף מיר! טאטע איך וויל שפירן אז דו ביסט מיט מיר, איך וויל שפירן אז דו הערסט אויס מיינע תפלות".

ווען זאכן גייען נישט, מען שפירט מען טאפט א וואנט - דארף מען זיך מאכן א חשבון און ווערן א גוטער איד. די ערשטע זאך זאלסטו זיך מקבל זיין צו קומען אין שול דאווענען די דריי תפלות מיט מנין; אז מען קומט

נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֶׁפַע, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַצְלָחָה; אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען פְּרִירְט מֶען דִי בַּאנְק אַקַאוּנְט, מֶען שְׁטֶעלְט אַלֶעס אָפּ חַס וְשָׁלוֹם; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת - וֶועסְטוּ זֶען וִוי זַאכְן וֶועלְן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן רוּקְן, עֶס וֶועט אָנְהוֹיבְּן זַיין הַצְלָחָה.

בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים, נִישְׁטָא קַיין רֶעדְן, נִישְׁטָא קַיין טֶעלֶעפָאן; בַּיים דַאוֶוענֶען זַיי שְׁטוּם אוּן טוֹיבּ, רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן הֶער נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיס.

אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים אִיז ווִיכְטִיגֶער וִוי שְׁרַייבְּן יֶעצְט אַ סֵפֶר תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִ״ים, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת ה׳תשפ״ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה לִזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אָבֶּער אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאל גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי הַדְפָּסָה, אוֹיבּ גֵייט דָאס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַארְן בֵּית הַדְפוּס; וַוייל דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז מִיר ווִיכְטִיגֶער וִוי שְׁרַייבְּן יֶעצְט אַ סֵפֶר תּוֹרָה.

וּבְכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט בַּאוַוייזְן צַאמְצוּנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זָאלְן נֶעמֶען אַ זְכוּת אִינֶעם סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַארְן בֵּית הַדְפוּס - מַה טוֹב וּמַה נָעִים, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועט דָאס אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִיר צַייט, מֹחַ אוּן גֶעפִיל - פוּן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה - לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע און הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁנַייד נִישְׁט פון דִי מַעֲשֵׂר גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבְבִי״ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת ה׳תשפ״ד

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַעֲשֵׂר גֶעלְט גֶעבְּט מֶען פַאר צְדָקָה, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ נֶעמֶען מַעֲשֵׂר פַאר זִיךְ; אַז מֶען נֶעמְט מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר זִיךְ - פַארְלִירְט מֶען פון דִי שֶׁפַע.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל שְׁנַיידְן; וֶוען מֶען שְׁפִּירְט אַ צִמְצוּם, טְרַאכְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מֶען גֵייט שְׁנַיידְן פון דִי צְדָקָה, מֶען גֵייט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן צוּ נֶעמֶען דִי מַעֲשֵׂר פַאר דָאס און פַאר יֶענְץ... אַז מֶען אִיז מְצוּמְצָם אִין דִי פַּרְנָסָה - דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, און זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים דַאוֶונֶען, נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם בַּיים דַאוֶונֶען, נִישְׁט נוּצְן דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דַאוֶונֶען.

אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן צְדָקָה; גֶעבּ דַיין מַעֲשֵׂר פַאר צְדָקָה, און אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד מִיט שֵׂכֶל גֶעבְּט זַיין מַעֲשֵׂר פַאר אֵייבִּיגֶע צְדָקוֹת, פַאר דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי וֶועלְט. אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, ווִי אַזוֹי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט אָנֶעם רֶבִּי׳ן און ווִי אַזוֹי זֶענֶען מִיר מְקוּרָב גֶעוָוארְן, נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; דַארְפְן מִיר מְקָרֵב זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואלְטְן זַיי גֶעגַאנְגֶען הֲפָּצָה וָואלְטְן זַיי גֶעמַאכְט גָאלְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבְבִי״ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶוער נֶערְוֶועז יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַ מֶעסֶעדְזְשׁ וֶועגְן הֲפָּצָה; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי סָארְט מֶעסֶעדְזְשׁ מַאכְט נָאר פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר ׳אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען הַיינְט הֲפָּצָה פַאר כַּךְ וְכַךְ שָׁעָה, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען כַּךְ וְכַךְ סְפָרִים, אוּן גֶעמַאכְט כַּךְ וְכַךְ גֶעלְט׳ – גֶעבְּסְטוּ מִיר חַיוּת.

אַ שָׁאד דִי וָואס אַרְבֶּעטְן פוּן עֲלוֹת הַשַּׁחַר בִּיז צֵאת הַנְּשָׁמָה אוּן מוּטְשֶׁען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; וָואלְטְן זַיי וֶוען גֶעגַאנְגֶען הֲפָּצָה וָואלְטְן זַיי גֶעמַאכְט גָאלְד, וַוייל וֶוער עֶס גֵייט הֲפָּצָה הָאט גְרוֹיס שֶׁפַע.

שְׁרַייבּ מִיר וַוייטֶער אַלֶעס וֶועגְן הֲפָּצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבְבִי״ם, ד׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטֶע מֵיידְל; אֲפִילוּ דִי מֵיידְל מַאכְט אַייךְ נֶערְוֶועז, זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן דִי מֵיידְל.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי מֵיידְל ..., זִי הָאט נִישְׁט קַיין חַבֶר׳טֶעס מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, נָאר אִיר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אִיר, אוּן

איך בעט אייך זייער איר זאלט איר נישט אוועק שיקן, זייט איר חבר'טע, איר זאלט אכטונג געבן אויף א צווייטע הארץ. טראכטס, וואס וואלט איר געטון ווען קיינער אין אייער קלאס וויל נישט שפילן מיט אייך און איר האט איין קאזין אין סקול און איר גייט צו איר און זי שיקט אייך אויף אוועק, ווי אזוי וואלט איר געשפירט...

אז איר וועט איר מקרב זיין, איר וועט אכטונג געבן אויף איר - וועט דער אייבערשטער אכטונג געבן אויף אייך און אייך געבן נאר ברכות און ישועות.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## האלטן ריין די קאר

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, שובבי"ם, ד' אדר א', שנת תשפ"ד

לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, קרית ברסלב**

איך האב זיך זייער פארעקלט ווען איך האב געכאפט א היטש מיט דיין קאר. איך קען נישט פארשטיין ווי קען זיין אן ערליכער איד זאל זיך אזוי פירן, אזוי שמוציג, אזוי פארשמירט, די קאר איז פול מיט באטלעך עסן, בעגס שמוץ, און דו ביסט דאך א תלמיד היכל הקודש; טאר דאס נישט זיין, מען דארף זיין ריין און צוזאמגענומען. אין א קאר עסט מען נישט, א קאר איז נישט קיין סטארעדזש וואו מען האלט זאכן.

איך בין ממש פארשעמט אז די תלמידים פירן זיך אזוי, אפשר איז דאס פארשמירטע קאר א פלאץ פארן שר פון עניות, 'נבל', וואס האט ליב פארשמירטע פלעצער און ברענגט עניות (פסחים קיא:). אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות אות ממון, סימן לא): "מאיסותא דביתא", א פארשמירטע שמוציגע הויז, "מביא לידי עניות", ברענגט ארעמקייט.

האלט ריין דיין קאר, האלטן ריין דיינע בגדים, ווארף אוועק אלע

זֶעקְלֶעךְ, דֶעקְלֶעךְ אוּן הַאלְטֶערְס, גֵיי אָנְגֶעטוּן רֵיין; וֶועסְטוּ פַארְטְרַייבְּן דִי נִישְׁט גוּטֶער רוּחַ 'נָבָל', אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

### מֶען מוּז עֶנְדִיגְן מַגִיהַ זַיין אוּן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַחַל אִידִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל בֵּית הַדְפוּס הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה אַז אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט בְּתוֹרַת נֶדֶר אַז אִיךְ וֶועל דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל אִין אִידִישׁ, אוּן נָאכְאַלְץ הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן מַגִיהַ זַיין אוּן דָאס טוּן.

וּבְכֵן וויל אִיךְ דִיר זָאגְן זָאלְסְט שׁוֹין יֶעצְט צוּרִיק נֶעמֶען אַלֶע מִכְתָּבִים פוּן ... אוּן זוּכְן אַ צְוֵוייטֶער זָאל דָאס טוּן, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ דָאס טוּן דוּרְךְ ....

אִיךְ הָאבּ גֶעלְט פַאר דֶעם פְּרָאיֶעקְט, אִיךְ וויל דָאס זֶען אִינְדְרוּיסְן אוֹיף דִי יָאר, אוּן אַז דָאס וֶועט זִיךְ שְׁלֶעפְּן - וֶועל אִיךְ דָאס אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִיר, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטְן דָאס דְרוּקְן.

אִיךְ בֶּעט שׁוֹין דִי זַאךְ פַאר דִי לֶעצְטֶע פִינְף יָאר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ נִישְׁט.

...

### עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בֶּעסֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט 'עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין בֶּעסֶער' - אִיז דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת, אַ אִיד טָאר נִישְׁט אַזוֹי טְרַאכְטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן מִיט יְרִידוֹת, מִיט נְפִילוֹת,

מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, מִיט צָרוֹת - צוּ זֶען וְוִי מִיר טוּעֶן צוּ אִים רֶעדְן, וְוִי מִיר אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּ אִים.

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן: "עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין בֶּעסֶער", אַז מֶען פְּרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס טוּט זִיךְ?" זָאלְסְטוּ יֶעדְן אֵיינֶעם זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיר נָאר גוּטְס"; עֶס קֶען נִישְׁט זַיין בֶּעסֶער, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין מֶער גוּט פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, לֶערְן דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, דִי זִיסֶע חִיזּוּק. וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - דֶער הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אִים אִיז גוּט אוּן פֵּיין; מֶען מוּז הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען מוּז זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, אָנֶעם רֶבִּי'ן זֶענֶען מִיר פַארְלוֹירֶענֶע.

קוֹיף נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְג, נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם מַאגֶעזִין, לֶערְן אוּן לֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת.

פְּרֵיי זִיךְ מִיט דַיין בָּארְד, מִיט דַיין פֵּיאוֹת, מִיט דַיין קַאפְּל, מִיט דַיין צִיצִית אוּן תְּפִילִין.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט זִיךְ צוּ דִי צַייטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעאָטֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן.

...

### אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ד' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין דַיין שִׁידּוּךְ, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ, עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶס אִיז דִיר טוּנְקֶל אוּן פִינְסְטֶער.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר

דִיר אַ שִׁידוּךְ, און אֲפִילוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵייעֶרֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וְכוּ' - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶע פְּלַאן פַאר דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר, דֶערְהַאלְט זִיךְ, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ און רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, אִיךְ דַארְף מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן און זַיין רֵיין און הֵיילִיג, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זִינְדִיג, עֶכְט וִויל אִיךְ נִישְׁט זִינְדִיגְן, עֶכְט וִויל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, עֶכְט וִויל אִיךְ זַיין רֵיין, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל פַאל אִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר שִׂמְחָה, גֶעבּ מִיר יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיךְ זָאל קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ מַאכְן, און אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע פְרוּמֶע מֵיידְל, אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ".

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל זַיין דַיין שַׁדְכָן.

...

דַיין תִּיקוּן אִיז צוּ דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און דָאס פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר אַלֶעמֶען. בִּפְרַט וֶוער עֶס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן בִּבְרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָדֶער גֶעפַאלְן אִין נִיאוּף, מִיט נַשְׁגַ"ז, רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן - אִיז דַיין תִּיקוּן צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים און דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אַזוֹי וֶועט עֶר פַארְעֶכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ סְפָרִים, אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער פוּן אֵיין זַאךְ רֶעדְט קֵיינֶער נִישְׁט; קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, דִי וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי נֶעץ

פוּנֶעם שָׂטָן, זֵיי לִיגְן אִין דִי טוּמְאָה פוּן נִיאוּף; זֵיי גֵייעְן אַרוּם זֵייעֶר פַארְלוֹירְן, זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֵיי טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אוּן נָאר דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש רֶעדְט צוּ זֵיי, אִיז זֵיי מְחַזֵּק אוּן וַוייזְט זֵיי דִי וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ דַיין צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט דִי לִיכְטִיגֶע זִיסֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בְּנַחַל, וָואס אִיז מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק אֲלָפִים וּרְבָבוֹת; וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט אַ שְׁמֵייכְל קֶען מֶען מְחַיֶּ' מֵתִים זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבְבִי"ם, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַ גוּט וָוארְט; "אַ גוּט מָארְגְן", "אַ גוּטֶע נַאכְט", מִיט אַ שְׁמֵייכְל קֶען מֶען מְחַיֶּ' מֵתִים זַיין; מֶענְטְשְׁן גֵייעְן אַרוּם דֶערְבִּיטֶערְט, דֶערְשְׁלָאגְן, אוּן וֶוען מֶען וַוייזְט אַ שְׁמֵייכְל, מֶען פַארְגִינְט אַ גוּט וָוארְט - אִיז מֶען זֵיי מַמָּשׁ מְחַיֶּ'.

עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶס אִיז אוּמְזִיסְט אוּן עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן - אִיז וֶוערְד טוֹיזְנְט מָאל מֶער וִוי צְדָקָה פוּן גֶעלְט, וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט גֶעלְט - נָאךְ אַ טָאג נוּצְט זִיךְ אוֹיס דָאס גֶעלְט, אָבֶער וֶוען מֶען בְּלָאזְט אַרַיין אַ חַיּוּת אִין אַ צְוֵוייטְן - גֶעבְּט מֶען יֶענֶעם לֶעבְּן.

הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ זִיךְ גְרֵייטְן צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. עֶס קוּמֶען צוּ פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים, אוּן וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְלֵייגְן

קַיין פְּלֶעצֶער פַאר דִי וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַ זְכוּת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן. אִיז גוּט זָאלְסְט שׁוֹין נֶעמֶען אַ פְּלַאץ פַאר דִיר, אוּן אוֹיבּ דוּ בְּרֶענְגְסְט דַיינֶע קִינְדֶער – אִיז גָאר וִויכְטִיג צוּ זַיין אִין אַ רֵיינֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע פְּלַאץ; אִיז זִיכֶער כְּדַאי שׁוֹין צוּ נֶעמֶען פְּלֶעצֶער צוּ קֶענֶען זַיין מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף, דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן צוּ גֵיין צוּם אֲסִיפַת הוֹרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ה׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַן אֲסִיפַת הוֹרִים פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי מְלַמְּדִים פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן נָאךְ מֶער וִויכְטִיג אִיז – הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְן מְנַהֵל.

וּבְכֵן ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי אֲסִיפָה, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ, זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן מְלַמֵּד אוּן אוֹיךְ מִיטְן מְנַהֵל.

זָאג אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְן הַארְץ; אַז דוּ טְרַאכְטְסְט מִיר מַאכְן נִישְׁט עֶפֶּעס אָדֶער דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס וָואס שְׁמֶעקְט נִישְׁט גוּט – זָאלְסְטוּ אַלֶעס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, מִיר ווִילְן ווִיסְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט, מִיר זֶענֶען דָא צוּ אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעוֵויטָאגְט אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף קֵיינֶעם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ה׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, וְוי דוּ בֶּעטְסְט מִיךְ אִיבֶּער.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף דִיר אוּן נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים; דָאס לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוֹיבְן מִיט אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים.

אַז מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן - גֵייט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, גַּאֲוָה אוּן כַּעַס. אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן י): "וְהָעֵצָה הַיְעוּצָה", דִי עֵצָה פוּן אַלֶע עֵצוֹת, "לְבַטֵּל הַגַּאֲוָה", פָּטוּר וֶוערְן פוּן גַּאֲוָה, "שֶׁהִיא הָעֲבוֹדָה זָרָה", וָואס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה, "הוּא עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים", אִיז נָאר דוּרְךְ פָּאלְגְן דֶעם צַדִּיק. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר: "בִּתְרוּעָה דְּאִיהוּ רוּחָא, אִתְעֲבִיר אֵל אַחֵר", דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס אַז דָאס מֵיינְט מֶען זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם צַדִּיק, פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק; דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רוּחַ', אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט "אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ", דוּרְךְ זַיין נָאנְט צוּם צַדִּיק, פָאלְגְן דִי עֵצוֹת - גֵייט אַוֶועק דִי גַּאֲוָה וָואס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה 'אֵל אַחֵר'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶערְ'ס צַיין פַארְנַאכְלֶעסִיגְט אוּן פַארְדְרֵייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבְבִי"ם, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע פְּרַאגֶעס.

מַאךְ פַאר דַיין טָאכְטֶער בְּרֶעיסֶעס, זִי זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע שֵׁיינֶע צֵיין. אַז דִי אִינְשׁוּרֶענְס וִויל נִישְׁט בַּאצָאלְן - זָאלְסְטוּ עֶס בַּאצָאלְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט צוּ לָאזְן דִי קִינְדֶערְ'ס צֵיין פַארְנַאכְלֶעסִיגְט אוּן פַארְדְרֵייט צוּלִיבּ דֶעם אַז עֶס קָאסְט גֶעלְט.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען זִי זָאל הָאבְּן וַוייסֶע צֵיין. עֶלְטֶערְן מוּזְן טוּן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער, בִּפְרַט פַאר דִי טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן נָאכְגֶעלָאזְט.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ גוּט - אִיז דָאךְ גוּט, צוּם דָאקְטֶער גֵייט מֶען נָאר אַז מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט גוּט. אוֹיסֶער דָאקְטֶער פְּרֵיילִיךְ; צוּ אִים דַארְף מֶען גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט, אַזוֹי אוֹיךְ דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן, דָאקְטֶער לֶערְנֶער אוּן דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דֶעם סוֹד פוּן דִי פִיר דָאקְטוֹירִים, וֶוען דֶער דָאקְטֶער הָאט אָנְגֶעשְׁרָאקְן מוֹהֲרַא"שׁ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט - אִיז מוֹהֲרַא"שׁ אַנְטְלָאפְן פוּן יֶענֶעם דָאקְטֶער, עֶר אִיז מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם יֶענֶעם מְשׁוּגָע'נֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרַא"שׁ מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם סוֹד פוּן דִי פִיר דָאקְטוֹירִים, פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה; דָאס אִיז דָאקְטֶער לֶערְנֶער, אוּן פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה אִין פֶערְצִיג סְאָה וַואסֶער יֶעדְן טָאג, דָאס אִיז דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן, אוּן גֵיין אִין פֶעלְד יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דָאס אִיז דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן, אוּן בְּעִיקָּר שִׂמְחָה, זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד, מֶען טוּט מִצְוֹת, מֶען הָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ.

אַז דוּ זֶעסְט בְּלוּט אִין בֵּית הַכִּסֵּא בַּיים אַרוֹיסְגֵיין; וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא? וָואס דַארְפְסְטוּ זוּכְן אוֹיף וָואס צוּ זָארְגְן? קוּק נִישְׁט אוּן

זָארְג נִישְׁט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

רַק חַזַק, זַיי פְרֵיילִיךְ, טַאנְץ אוּן פַּאטְשׁ.

...

**אִיךְ בֶּעט דִיר, עֶנְטְפֶער נִישְׁט אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, בְּלַייבּ שְׁטִיל**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבְבִי״ם, ה׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַזָל טוֹב פַּאר דַיין נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגְל אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ צַדִיק, עֶר זָאל רָאטְן אִינֶעם נָאמֶען פוּנֶעם צַדִיק מוֹהֲרָא״שׁ, אוּן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר ווִי צוּ הֶערְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, ווִי ... פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אוּן בַּאזִידְלְט דִיךְ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, בָּרַבִּים, בִּפְנֵי כָּל הַקָּהָל, עֶס אִיז נִישְׁט צוּם פַארְשְׁטֵיין, ווִי קֶען זַיין אַזַא כְּפוּי טוֹבָה... דוּ הָאסְט דָאךְ אִים נָאר גֶעהָאלְפְן, הָאסְט אִים אַ טוֹבָה גֶעטוּן, אוּן יֶעצְט פַארְשֶׁעמְט עֶר דִיךְ בָּרַבִּים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁוַוייג, עֶנְטְפֶער נִישְׁט, בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בֶּעט פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס וַוארְטְן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר פַאר זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, אוֹיךְ פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים.

בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, עֶנְטְפֶער נִישְׁט, בְּלַייבּ שְׁטִיל, רֶעד נִישְׁט אַרוֹיס קַיין וָוארְט, שְׁטִילֶערְהֵייט שֶׁעפְּשֶׁע אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, יח): **״׳רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי׳, קוּק מַיין צַעַר אוּן פְּלָאג, ׳וְשָׂא׳, אוּן פַארְגֶעבּ מִיר, ׳לְכָל חַטֹּאותָי׳, מַיינֶע זִינְד״.**

וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ קוּמְסְט אָפּ מִיט דִי בִּזְיוֹנוֹת... עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו פוּן רֶבִּי׳ן צוּ זַיין בְּרוּדֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן קסה):

"אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי", מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, "אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת הַשֵּׁם כָּל הַיּוֹם, כַּמְדֻבָּר בֵּין שְׁנֵינוּ", שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת הַשֵּׁם, "וּזְכוּת אֲבוֹתֶיךָ מְסַיַּעְתְּךָ, כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַּאר דַיין טוֹבָה, דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גְּדוֹלָם אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", אַזוֹי ווִי אַלֶע פְּרוּכְט אוּן אַלֶע גְרִינְצֵייג, אַלֶעס וָואס וַואקְסְט - קֶען נָאר וַואקְסְן נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען דֶעקְט צוּ דִי זוֹמֶען, דִי קֶערְל - אוּנְטֶער דִי עֶרְד, אוּן דִי קֶערְל וֶוערְט פַּארְפוֹילְט, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר, עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִיר, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַּארְשֶׁעמְט דִיךְ אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט דִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ וַואקְסְן אוּן גְרוֹיס וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּיסְט וָואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן דִיךְ, "בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ", וָואלְטְן זֵיי דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט, "כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶע כַּוָּנָה אִיז נָאר דִיר שְׁלֶעכְטְס צוּ טוּן.

חֲזַק וֶאֱמָץ בַּעֲבוֹדָתֶךָ, לֶערְן אוּן דַאוֶוען אוּן זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ.

...

### קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטוֹיסְן וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזֶען אִין זוֹהַר מוֹרָא׳דִיגֶע זַאכְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז מְגַלֶּה דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי לֹא יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח" (שְׁמוּאֵל ב יד, יד), עֶס וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט פַארְשְׁטוֹיסְן וֶוערְן, בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן מְתוּקָן.

דֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּנִים תִּיקּוּן לא, דַּף עו.), אֵיינֶע פוּן דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט: "וּבוֹצִינָא קַדִּישָׁא", דוּ הֵיילִיגֶע לִיכְט, אַזוֹי פְלֶעגְן זֵיי רוּפְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, "אִם גּוּפָא לָא חָזַר בִּתְיוּבְתָּא", אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, "וְחָזַר עוֹרֶף לְגַבֵּי תְּיוּבְתָּא", מֶען דְרֵייט זִיךְ אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "נֶפֶשׁ אִתְפָּרַשׁ מִנֵּיהּ", גֵייט דִי נֶפֶשׁ אַוֶועק פוּנֶעם גוּף נָאכְן שְׁטַארְבְּן, "וְאִתְקְרֵי עָרְפָּ"ה", אוּן דֶער גוּף אִיז אַ בְּחִינָה פוּן 'עָרְפָּה', אַ גֶענַאק, "וְגוּפָא דָא אִתְאֲבִיד מִתְּרֵין עָלְמִין", אוּן דֶער גוּף וֶועט נִישְׁט הָאבְּן מֶער קֵיין תַּקָּנָה.

"אָמַר לֵיהּ", זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי צוּ דִי נְשָׁמָה, "סָבָא סָבָא, וְהָא כַּמָּה קִבְרִין לְמַגָּנָא", לוֹיט דִיר, אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן זֶענֶען דֶערְנָאךְ, אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס אִיז דִי אַלֶע קְבָרִים? "וְהָא אִם גּוּפָא אִתְאֲבִיד", אוֹיבּ וֶועט דֶער גוּף נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים וְכוּ׳, "עַל מַה תָּקוּם נַפְשָׁא לִתְחִיַּית הַמֵּתִים, דְּהָא וַדַּאי גּוּפָא אִתְאֲבִיד, וְאִתְּמַר דְּאִתְאֲבִיד מִתְּרֵין עָלְמִין, וְהָא נָחִית לִנְשִׁיָּה דְתַמָּן אִתְנַשֵּׁי לְדָרֵי דָרִין, אִם כֵּן כַּמָּה קִבְרִין לְמַגָּנָא".

"אֶלָּא", פִּירְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוֹיס, "וַדַּאי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לָא יְשַׁנִּי עוֹבְדֵי יְדוֹי", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, נָאר אַלֶע וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים, אַלֶע וֶועלְן פַארְרָאכְטְן וֶוערְן.

טֵייעֶרֶע בְּרוּדֶער, לֶערְן תִּקּוּנֵי זוֹהַר, זַיי מִשְׁתַּדֵּל צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ סֵפֶר הַתִּקּוּנִים, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, אוּן וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דַאוֶוענֶען, לֵייגְן תְּפִילִין, אוּן בְּעִיקָּר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית, פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, הִיטְן דִי מַחֲשָׁבָה.

לְכָבוֹד וָואס דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר, הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ חָשׁוּב׳עֶ כַּלָּה,

אַ חָשׁוּבֶ'עֶ מִשְׁפָּחָה - זָאלְסְטוּ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַ"ש.

גֵיי בְּעִיקָר צוּ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין כּוֹלְלִים, וַוייל דִי אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

## זֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי"ם, ז' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט פַארְהֶערְן דִי קִינְדֶער, זֶען אוֹיבּ דִי קִינְדֶער קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען. אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן אַפָּאר עֶלְטֶערְן פוּן כִּתָּה ... אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שְׁוַואךְ מִיט קֶענֶען דִי חוּמָשׁ. אֶפְשָׁר לֶערְנְט מֶען צוּ סַאךְ; עֶנְדֶערְשׁ זָאל דֶער מְלַמֵּד לֶערְנֶען וֵוייניגֶער פְּסוּקִים אוּן מֶען זָאל דָאס גוּט קֶענֶען, ווִי אֵיידֶער דֶער מְלַמֵּד זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אוּן דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט אַרַיינְגֵיין אִין יֶעדֶע קְלַאס פַארְהֶערְן, נִישְׁט אוֹיף צוּ זוּכְן ווִי צוּ כַאפְּן דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט, נָאר צוּ פַארְעֶכְטְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט, אַז אַלֶע זָאלְן קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. וֶוען דוּ רֶעדְסְט בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת - זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, פָאלְגְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים. אוֹיךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דִי מְפִיצִים גֵייעֶן הֲפָצָה מִיט דִי סְפָרִים, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ', יֶעצְט דַארְף מֶען זֶען אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ – בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - זָאל מֶען אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן טוּן דִי עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבְּן דִי הַרְגָשָׁה פַאר דִי מְלַמְּדִים אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט זֵיי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ז׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין חֶדֶר קַיין טֶעבְּלֶעט אָדֶער סְמַארְטְפָאוֹן אֲפִילוּ לְצֹרֶךְ הַמּוֹסָד, אוּן אַז מֶען דַארְף צֵייכֶענֶען יֶעדְן טָאג דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען - זָאל מֶען דָאס נִישְׁט טוּן מִיט אַ טֶעבְּלֶעט. גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן רֵיין אוּן הֵיילִיג.

דִי מְלַמְּדִים זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זִיךְ הִיטְן פוּן אַ נִישְׁט כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, אוּן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֶען ווִי מֶען נוּצְט דִי סָארְט כֵּלִים מִטַעַם הַמּוֹסָד - וֶועלְן זֵיי אָפְּגֶעקִילְט וֶוערְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס דֶער מְנַהֵל דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ טוּן; גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי מְלַמְּדִים. עֶס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעם; גֶעבְּן דִי הַרְגָשָׁה פַאר דִי מְלַמְּדִים אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט זֵיי.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר פַאר אַ מְנַהֵל, דָאס אִיז פַאר יֶעדֶע בַּעַל הַבַּיִת; אַז מֶען הָאט אַרְבֶּעטֶערְס אוּן מֶען מַאכְט זֵיי שְׁפִּירְן ווִי מֶען דַארְף זֵיי - שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מֶען אִיז נָאכְדֶעם זֵייעֶר מַצְלִיחַ. דֶער אַרְבֶּעטֶער הָאט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן צוּ טוּן וָואס אִימֶער פַארְן בַּעַל הַבַּיִת, כָּל שֶׁכֵּן אַ מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט נְשָׁמָה׳לֶעךְ אוּן עֶר דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת מִיט אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין רוּאִיג אוּן אוֹיפְהֵייבְּן דִי קִינְדֶער - דַארְף דֶער מְנַהֵל גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל אַז מֶען וֵוייסְט פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְלֶעבְּן דֶעם מְלַמֵד וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסאךְ אַרְבֶּעט.

גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן מְלַמֵד אוּן מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד – וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע הַצְלָחָה.

...

**דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע אִיז צוּ רֶעדְן מִיטְן שׁוּתָּף אָפֶענֶע דִיבּוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבָבִי״ם, ז׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע אִיז – דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט דַיין שׁוּתָּף אָפֶענֶע דִיבּוּרִים; זָאג אִים וָואס שְׁטֶערְט דִיר, זָאג אִים דַיינֶע גֶעפִילְן. דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ וֵוייסְט עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט נָאךְ אַ בִּיזְנֶעס, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז זַיין קָאפּ נִישְׁט בַּיי דִי אַלְטֶע בִּיזְנֶעס, אוּן דוּ אַלְס גֶעלְט שׁוּתָּף – בִּיסְטוּ זֵייעֶר נִישְׁט רוּאִיג, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט פַאר דִי בִּיזְנֶעס.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ זַיין אָפְן, וַוייל אִין אֵיין רֶגַע קֶען אוֹיפְפְּלַאמֶען אַ פֵייעֶר אוּן וֶוערְן אַ מַחֲלֹקֶת; קוֹדֶם הָאט מֶען אִין הַארְץ עֶפֶּעס וֵוייטָאג, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט הוֹיבְּט מֶען אָן בּוֹיעֶן בִּנְיָנִים, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ מַחֲלֹקֶת אוּן דֶעמָאלְט לַיידְן אַלֶע.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, אָדֶער אִין דַיין קַאר אָדֶער אִין דַיין אָפִיס, אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן אִינְוֶועסְטִירְט מִילְיָאנֶען דָאלֶער אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה״. דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי שׁוּתְּפוּת וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט מִיט אוּנְזֶער מוֹסָד, אַז יֶעדֶע דָאלֶער וָואס

מֶען אִיז מַרְוִיחַ - גֵייט כַּךְ וְכַךְ פְּרָאצֶענְט פַאר דִי מוֹסָד, דֶערְצֵייל אַלֶעס, דֶערְצֵייל אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט רוּאִיג אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן. אִיךְ זָאג דִיר צוּ, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט אַלֶעס זַיין אַזוֹי גוּט אוּן אַזוֹי זִיס, דוּ וֶועסְט אַרוּם גֵיין רוּאִיג, דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁלָאפְן אוּן עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ אַלְס שׁוּתָּף - טוּ יָא מַיינֶע פְלִיכְטְן, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ גַבְּאַי דארף שְׁמֵייכְלֶען און אַרֵיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבבִי״ם, ט׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט אוֹיף וָואס מֶען דַארף אַ גַבְּאַי אִין אַ שׁוּל, אוּן וָואס אִיז דִי פְלִיכְט פוּן אַ גַבְּאַי? אַ גַבְּאַי אִיז נִישְׁט צוּ שׁוֹלֶט זַיין אוֹיפְן עוֹלָם אוּן פַארְטְרַייבְּן דֶעם עוֹלָם, אַ גַבְּאַי אִיז צוּ גֶעבְּן דִי גוּטֶע הַרְגָשָׁה פַאר אַלֶעמֶען, שְׁמֵייכְלֶען אוּן אַרֵיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארפְסְט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי מִתְפַּלְּלִים; אַז אֵיינֶער בְּרֶענְגְט אַ נֵייעֶם טֶעפְל - פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס אַוֶועק נֶעמֶען אוּן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אַ שָׁאד אַז אַ עֶנְקֶער חַבוּרָה זָאל צֶעפַאלְן, זָאל וֶוערְן אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֲפִילוּ מֶען אִיז וַוייט פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, פוּן קְדוּשָּׁה, זָאל מֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִ״ם, ט׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן נָאר מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן, זוּךְ דִיר אוֹיף אַ גוּטֶע חַבֵר אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִים אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן. וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, נָאר מִיט אַ גוּטֶע חַבֵר קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט נְקוּדוֹת הֶחָבֵר, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, יֶעדְן טָאג גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת - דִי הָאבְּן זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג) ווִי דֶער חִגֵּר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ דֵיימַאנְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "דֶערְוַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיף דֶעם דֵיימַאנְט, אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶע זַייט, הָאט עֶר גֶעזֶען וְכוּ׳"; הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ דֵיימַאנְט אוֹיךְ אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, מֵיין נִישְׁט אַז נָאר דִי וֶועג ווִי דוּ ווִילְסְט גֵיין - דָאס אִיז דִי דֵיימַאנְט, אוּן אַז עֶס גֵייט פַארְקֶערְט, עֶס גֵייט אַנְדֶערְשׁ - אִיז שׁוֹין נִישְׁט גוּט; אַז מֶען וֵוייסְט, מֶען זֶעט אוֹיךְ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַ דֵיימַאנְט - דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען צוּ דִי וֶועג וָואס הֵיילְט אוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פב): "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל, "שֶׁאוֹמֵר 'אֲנָא אֶמְלֹךְ'", דָאס קוּמְט צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִיךְ ווִיל דַוְקָא עֶס זָאל זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי, "בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיט דֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אוּן אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט, אָבֶּער אַז מֶען

אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל גָארנִישְׁט - דֶעמָאלְט גֵייט אַלֶעס כְּסֵדֶר.

מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶועֶן מִיט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה, שְׁמוֹת רַבָּה לג, ח): "בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמשֶׁה עַל עִסְקֵי הַמִּשְׁכָּן", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל בֶּעטְן אַלֶע אִידְן נְדָבוֹת צוּ בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן, "אָמַר לְפָנָיו, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יְכוֹלִין הֵם יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹתוֹ", הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶענֶען דֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?! "אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֲפִלּוּ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַעֲשׂוֹתוֹ", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ אֵיינֶער אַלֵיין קֶען אוֹיךְ בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן, "שֶׁנֶּאֱמַר", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כה, ב): "מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ". הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן אוֹיבּ דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט ווִילִיג צוּ אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן וְכוּ', מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן טְרַאכְטְן 'ווִי וֶועל אִיךְ קֶענֶען בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? ווִי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער?' אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֲפִילוּ אֵיינֶער אַלֵיין קֶען בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן אוּן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער.

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'רָצוֹן', פוּן 'ווִילְן'; אַז מֶען זֶעט מֶען אִיז וַוייט פוּן דַאוֶונֶען, וַוייט פוּן לֶערְנֶען, וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - זָאל מֶען אָבֶּער וֶועלְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן, אַזוֹי בּוֹיעֶט מֶען דִי מִשְׁכָּן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כה, ב): "יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ", אוּן רַשִׁ"י זָאגְט: "לְשׁוֹן רָצוֹן טוֹב", אַ גוּטֶע ווִילְן; מֶען זָאל זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין וואוֹיל".**

אַז מֶען זֶעט מֶען פַאלְט אִין קְדוּשָּׁה, מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; זָאג אָבֶּער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל רֵיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּרִיק כַאפְּן, תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוערְן עֶרְלִיךְ"**, אַז מֶען וֶוערְט בְּכַעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ, מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת - וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן אוּן

טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין פַּארְפַאלְן, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַ צַדִּיק', שְׁרֵייט אַרוֹיס דַיין הַארְץ, יִדְבֶּנּוּ לִבּוֹ, לָשׁוֹן רָצוֹן טוֹב, זָאג: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט".

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אַ שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

נָאכְאַמָאל לְמַעַן הַשֵּׁם, הָאבּ אַ גוּטֶער חַבֵר; מֶען מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט פָּאלִיטִיק, מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, ט' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶנְק זָאלְן הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט פָּאלִיטִיק, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן וָואס אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר, אֵיין שְׁטִיק חֲנוּפָה; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען אַ שֶׁטַח פַאר אַ שׁוּל, מִיר הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן וָואס מֶען דַארְף.

אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין אַמֶערִיקֶע בַּאזוּכְן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע בִּנְיָנִים; תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, מֵיידְל שׁוּלֶע, שׁוּלְן, בֵּית הַדְּפוּס, מִקְוָאוֹת - אַלֶעס אָן קַיין מַשְׁכַּנְתָּא אוּן אָן קַיין חֲנוּפָה, אָן קַיין פָּאלִיטִיק, אָן קַיין עֲשִׁירִים; אַלֶעס נָאר פוּן תְּפִלָּה.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט דִי זַאכְן, מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין דִי בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת, אוּן

אֲפִילוּ דִי בְּחִירוֹת עִירִי׳ - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֵיין, אֲפִילוּ מֶען זָאגְט צוּ שְׁטָחִים פַאר דִי קְהִילָה.

זַיי מְחַזֵּק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אַ גַבְּאַי אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, מֶען דַארְף זֶען אַלֶע זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אַלֶע זָאלְן זַיין שְׁטַארְק; וואוּיל פַאר דִי גַבָּאִים וָואס טוּעֶן זֵייעֶר פְלִיכְט בִּשְׁלֵמוּת, זֵיי הֵייבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מַאכְן אַלֶעמֶען פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס זָאל דִיךְ נָאר אִינְטֶערְסִירְן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייט קוּנְטְרֵסִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי״ם, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטֵיי אַוֶועק פוּן פָּאלִיטִיק, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת, אָפְּגֶערֶעדְט צוּ דִי בְּחִירוֹת פַאר דִי כְּנֶסֶת הַמִּינִים, נָאר אֲפִילוּ צוּ דִי בְּחִירוֹת פוּן דִי עִירִי׳.

גֵיי הֲפָצָה, גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר דִי מִילְיָאנֶען אִידְן וָואס דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳שְׁמַד׳ט, מִילְיָאנֶען אִידְן וָואס וֵויסְן נִישְׁט פוּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל; פַארְשְׁפְּרֵייט זֵיי דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, קוּנְטְרֵסִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, נָאר דָאס זָאל דִיךְ אִינְטֶערְסִירְן.

דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, אוּן זֵיי זֶענֶען מְתַקֵּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...